# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' שלח

שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## עסן צו שטייגן

### חלק א' - זעהן די פירות

#### די מיסיע פון די מרגלים

**שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן** - דו זאלסט שיקן מענטשן און זיי זאלן אויסשפיאנירן דאס לאנד כנען (במדבר יג, ב). ווען אונזערע עלטערן האבן זיך דערנעטערט צו די גרעניצן פון ארץ כנען זענען זיי באפוילן געווארן דורך הקדוש ברוך הוא צו שיקן מרגלים אויסצושפירן דאס לאנד אלס א הכנה איינצונעמען דאס לאנד און איר באזעצן. כאטש דער אויבערשטער האט זיי פארזיכערט אז זיי וועלן איינגעמען דאס לאנד, האבן זיי נישט געמעגט זיצן אוןווארטן אז השי"ת זאל פארלענדן די כנענים. זיי האבן געדארפט צוגרייטן די וואפן און פאנצערס און אויסרעכענען די מלחמה טאקטיקן. אריינגערעכנט אין די הכנות איז אויך געווען ארויסצושיקן מרגלים.

ווען שפיאנען ווערן ארויסגעשיקט אויסצושפיאנירן א לאנד זענען דא פיל אינפארמאציע וואס זיי דארפן אויפדעקן, **הֶחָזָק** הוּא הֲרָפֶה - איז דאס שוואך אדער שטארק; **הַמְעַט הוּא אִם רָב** - זענען זיי ווייניג אדער אסאך. זיי דארפן וויסן וועלכער חלק פון לאנד איז באזעצט. עס וועט זיי זיין גרינגער אנצוהייבן די מלחמה ביי די ליידיגע שטחים וואו די שטעט זענען ווייט און צעשפרייט; **וּמָה** הֶעָרִים אֲשֶׁר הוּא יוֹשֵׁב בָּהֵנָּה הַבְּמַחֲנִים אִם בְּמִבְצָרִים - און ווי אזוי זענען די שטעט וועלכע געפינען זיך אין איר, זענען זיי אפן אדער באפעסטיגט?

זיי האבן געדארפט געוואויר ווערן וואו עס זענען דא חומות ארום די שטעט וואס בלאקירן דעם אריינגאנג דורך די בערג. עס וואלט געווען שווער אריינצוברענגען א גאנצע פאלק פון מענער, פרויען און קינדער דורך באפאנצערטע וועגן. זיי קענען ווערן באפאלן. בעסער איז אריינצוקומען דורך די וועגן וואו מענטשן וואוינען אין קלענערע דערפלעך, מער צושפרייט.

#### ווייזן און זאגן

עס זענען דא פיל וויכטיגע אינפארמאציע וואס צוועלף שפיאנען קענען צאמנעמען אין משך פון פערציג טעג, און זיי זענען טאקע צוריקגעקומען און אלעס אינפארמירט. אבער מיר באמערקן א מאדנע זאך: צוזאמען מיט זייער באריכט האבן זיי מיטגעברענגט נאך עפעס: **וַיָּשִׁיבוּ**

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

**אוֹתָם דָּבָר** **וְאֶת** כָּל הָעֵדָה - און זיי האבן געברענגט אן ענטפער פאר זיי און פאר דער גאנצער עדה; **וַיַּרְאוּם אֶת פְּרִי הָאָרֶץ** - און זיי האבן געוויזן די פרוכט פונעם לאנד (יג, כו).

זיי האבן נישט נאר געברענגט א באריכט איבער די פירות, נאר אויך מיטגעברענגט מיט זיךביישפילן, און זיי האבן עס נישט געטון פון זיך אליין, נאר נאכגעפאלגט דעם באפעל פון משה רבינו, **וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ** - און איר זאלט נעמען פון די פרוכט פון לאנד (שם, כ).

דאס איז אינטערסאנט, ווייל זיי וואלטן זיך געקענט באגנוגענען מיטן באריכטן וואס זיי האבן געזען, און וואספארא באריכט דאס וואלט געווען! דאס לאנד אין יענער צייט איז געווען דאס מערסטע פרוכטבארע הערליכע פלאץ וואס איז נאר געווען צו געפינען אויף דער וועלט. איינע פון די סיבות פארוואס ס׳האט גענומען פאר השי״ת אזוי לאנג צו ערפילן זיין צוזאג, צו געבן ארץ כנען פאר כלל ישראל איז געווען ווייל דאס לאנד איז צוגעגרייט געווארן פאר זיי.

## דער גרויסער גן עדן

פאר הונדערטער יארן איז דאס לאנד כנען פארבעסערט געווארן דורך די זיבן פעלקער, און זיי האבן געטון אן אויסגעצייכנטע ארבעט! זיי האבן אויסגעגראבט יעדן בארג. ס׳איז נישט געווען קיין שפאן פון לאנד וואס איז נישט געווארן באארבעט. די בעסטע געוויקסן זענען געוואקסן דארט. ס׳איז צום שטוינען וואס זיי האבן געמאכט דארט. אויב מיר וואלטן געקענט ארייננבליקן אינעם לאנד ווי אזוי עס איז געווען ווען כלל ישראל איז אריינגעקומען, וואלטן מיר געווען איבעראשט פון דער פרוכטבארקייט פון דעם לאנד. דאס לאנד איז געווען **טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד** (יד, ז).

## א לאנד פון מילך און האניג

דאס איז וואס די מרגלים האבן געזאגט פאר די אידן ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון זייער מיסיע: ״ס׳איז א גוטע לאנד וואס איז **זָבַת** חָלָב וּדְבָשׁ.״ און ווען מ׳זאגט **חָלָב וּדְבָשׁ**, דארפן מיר וויסן אז ס׳איז געווען ממש אזוי. די טייטלען וואס זענען געהאנגען פון די ביימער זענען געווען אזוי פעט, אז זיי זענען געשפאלטן געווארן און דער האניג האט אראפגעטראפט אויף דער ערד. וואו אימער דו ביזט געגאנגען, ביזסטו געווען ביז צום קנעכל מיט האניג. נישט נאר דאס, נאר די ציגן זענען געווען געזונט און שטארק אז זיי האבן נישט געקענט האלטן די גאנצע מילך אין זיך אז ס׳האט ארויסגעטראפט.

אלזא, זענען די פעלדער געווען פול מיט האניג פון די טייטלען וואס האט זיך אויסגעמישט מיט די מילך פון די ציגן. דאס האט אנגעהאלטן אזוי פאר פיל יארן. רבה בר בר חנה האט געלעבט אסאך יארן נאכ׳ן חורבן און ער האט עס אויסגעמשל׳ט ווי פאלגנד, ״איינמאל בין איך געגאנגען איבער די פעלדער פון ארץ ישראל וואו עס איז נאך געווען זבת חלב ודבש און איך האב זיך געוואקעלט אין דער מילך און האניג ביז איבער מיינע קנעכלעך.״

האסטו שוין אמאל פארזוכט מילך מיט האניג? איך זאג דיר, ס׳איז זייער גוט! די געדעכטע, זיסע טעם פון דער מילך מישט זיך אויס מיט׳ן פרוכטבארן געשמאק פונעם טייטל־האניג און די רעזולטאטן דערפון איז זייער געשמאק פאר׳ן מענטשנ׳ס גומען. ס׳איז אן אויסנאם גוטער געמיש. אזוי פלעגן זיי זיך אראפבייגן און ארויסשעפן א פולער גלאז פון מילך און טייטל־האניג

און עס אויסטרינקען. זיי פלעגן מאכן אן ערליכע ברכה גייענדיג איבער די פעלדער, שעפענדיג און עסענדיג, שעפענדיג און עסענדיג...

דאס לאנד האט געטראפט פון מילך און האניג מיט אלעם גוטן. אזוי האבן די מרגלים אויסגע׳משל׳ט דאס לאנד, אבער א באריכט איז נישט גענוג געווען. **זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ הִוא וְזֶה פִּרְיָהּ** - עס פליסט מיט מילך און האניג, און דאס איז איר פרוכט (יג, כז). נישט נאר וואס זיי האבן צוריקגעברענגט א פינקטליכע באריכט, נאר זיי האב מיטגעשלעפט א בינטל טרויבן צו ווייזן פאר די מענטשן.

## די גרויסע טרויבן

און ס׳איז נישט געווען ווי אונזערע טרויבן וואס דו ברענגסט אהיים אין א שאפינג־בעג. ניין, זיי זענען געווען ריזיג. יעדעס איינע איז געווען די מאס פון א גרעיפ־פרוכט. איין שטרענגל טרויבן איז געווען אזוי גרויס אז **וַיִּשָּׂאֻהוּ בַמּוֹט בִּשְׁנָיִם** - צוויי מענטשן האבן עס געדארפט טראגן מיט א שטאנג. אהיימצוברענגען א שטרענגל טרויבן האבן זיי עס צובינדן צו א לאנגען שטאנג וואס צוויי מענטשן האבן עס געדארפט שלעפן. ס׳איז געווען אזוי שווער און כמעט אזוי גרויס ווי א קו.

און גאנץ מעגליך אז ס׳איז געווען נאך גרעסער פון דעם. די גמרא אין סוטה (לד, א) זאגט אז זיי האבן געשלעפט דעם שטרענגל **בַמּוֹט בִּשְׁנָיִם** מיט צוויי שטאנגען נישט צוויי מענטשן. דאס מיינט אז עס זענען געווען פיר מענטשן פאר יעדן שטרענגל וואס איז געהאנגען צווישן צוויי שטאנגען. און אן אנדער מאמר איז מסביר אז עס זענען געווען צוויי שטאנגען פון צפון און דרום און נאך איינער פון מזרח צו מערב און נאך צוויי וואס האבן צוגעהאלטן די שטאנגען פון מזרח צו מערב. דאס מיינט אז אכט מענטשן האבן געדארפט שלעפן איין שטרענגל טרויבן. איין אשכול טרויבן פון ארץ ישראל איז געווען אזוי גרויס אז עס האט זיך אויסגעפעלט אכט מענטש עס צו שלעפן!

## נחל אשכול

נישט קיין חילוק ווי אזוי ס׳איז געווען, אפילו נאר דער פשוט׳ער פשט אז ס׳איז געווען איין שטרענגל אויף איין שטאנג איז עס געווען עפעס צום באוואונדערן! ס׳איז געווען אזוי אויסערארדנטליך אז זיי האבן געגעבן א נאמען פאר דעם פלאץ נחל אשכול!

די שאלה פאר אונז איז, וואס איז דער גאנצער טראסק ארום פרוכט? צוריקצוקומען מיט מלחמה סטראטעגיעס, דאס פארשטיי איך, אבער צאמנעמען אזעלכע שווערע פרוכט און זיי שלעפן אויף שטאנגען פאר מיילן ווייט ביז מחנה ישראל... ס׳איז פארט נישט קיין גאלד, ס׳איז נאר טרויבן! וואס איז געווען אזוי וויכטיג פון די פירות אז דאס פאלק האט עס געדארפט זען מיט די אייגענע אויגן.

## צוריק צום אנפאנג

כדי צו פארשטיין דעם ענטפער פון דער שאלה, וועלן מיר דארפן צוריקגיין צום אנפאנג וואו מיר טרעפן דאס ערשטע מאל וואו די תורה רעדט פון פירות. **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ** - און די ערד זאל פיל ווערן מיט גרינצייג, גראז וואס גיט ארויס זאמען, פרוכטביימער וועלכע מאכן פרוכט לויט זייערע מינים (בראשית א, יא).

ס׳איז מערקווירדיג ווי ווייניג דער פסוק מאכט אן עסק פון די ווייץ, גערשטן, רייז און אנדערע תבואות וואס איז דער וויכטיגסטער טייל פאר דער מענטשהייט. דער וואונדער פון גערשטן... גערשטן ווערט באנוצט אין דער גאנצער וועלט! אדער רייז! רייז שפייזט מיליאנען אין אזיע, אבער נישט איין ווארט... די תורה וואלט אונז געקענט זאגן איבער דעם וואונדער פון קארטאפל. קארטאפל איז אן אויסטערלישע גרינצייג. ס׳איז ווי א בילקעלע, א גרויסע שטיק סטארטש צאמגענומען אין איין פלאץ. ס׳איז וואונדערליך!

ווען מען האט געברענגט קארטאפל קיין אייראפע צום ערשטן מאל, זענען מענטשן געווארן איבעראשט. עס איז דא אויך געוויסע פרוכט וואס האבן סטארטש, אבער קארטאפל איז א גאנצער טעלער פון סטארטש. ס׳איז וואונדערליך! גלייך איז עס געווארן צוכאפט צווישן די פעלקער אין אייראפע און ס׳איז געווארן זייער קביעות׳דיגער מאכל. פוילן, איראלאנד האבן אדאפטירט די קארטאפל אלס זייער נאציאנאלער עסן און די מאסן האבן געלעבט אויף קארטאפל.

קארטאפל איז א נס. האסט שוין אמאל געזען א גרויסע קארטאפל געקאכט אדער געבראטן? ס׳איז גענוג פאר א גאנצע מאלצייט. ס׳איז זעטיג. אפשר ווילסטו אויך אביסל פיש צו דעם, אביסל פון עפעס אנדערש? אקעי, אבער ס׳איז די קארטאפל וואס פילט דיר אן!

## פארוואס איגנארירן די קארטאפל?

און דאך טוט די תורה צאמנעמען די אלע ניסים פון קארטאפל, גערשטן, רייז, די קרויט און פילצאליגע אנדערע גרינס אין איין ווארט: ״**דֶּשֶׁא**.״ זיי זענען אלע צאמגענומען אין א קורצן נאטיץ: **תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא**. די עסן וואס האט געשפייזט די וועלט זינט ששת ימי בראשית באקומט א קליין ביסל אויפמערקזאמקייט, נאר איינצעלנע ווערטער.

און ס׳איז די **עֵץ פְּרִי עֹשֶׂה פְּרִי**, וואס כאטש ס׳איז נאר א מינדערוויכטיגער חלק פון דעם מענטשנ׳ס עקזיסטענץ, באקומט זי די ספעציעלע אויפמערקזאמקייט. נישט נאר אין דעם פסוק נאר ס׳ווערט איבערגע׳חזר׳ט נאכאמאל און נאכאמאל. קוק אריין אין חומש דארט און וועסט זען אז די תורה ברענגט פירות עטליכע מאל, בעת אנדערע זאכן וואס מיר וואלטן געטראכט עס איז מער וויכטיג, ווערט בכלל נישט דערמאנט.

דאס איז ווייל מער פון סיי וואס, איז פרוכט די מערסטע א דעמאנסטראציע פון השי״ת׳ס גוטסקייט און חכמה. ווען דו זעעסט אן עפל אויפ׳ן בוים, א טרויב אויפ׳ן שטרענגל, איז עס א מייסטערווערק, א הערליכע זאך. א פרוכט הענגנדיג אויפ׳ן בוים איז א צירונג. ס׳איז מער טייער ווי א צירונג. א צירונג איז א טויטע זאך, אן קיין חיות, ס׳קען דיר גאנישט לערנען, אבער די טרויבן, עפל, בארן און פערישקען לערענט אונז פון נפלאות הבורא, פון חסד השם, און אלעס פון דער שיינקייט וואס דער אויבערשטער האט ארייננגעלייגט אין דער וועלט. פרוכט גיט אונז א געלעגנהייט צו וויסן פונעם אויבערשטן. דערפאר וועט די תורה אונטערשטרייכן די פרוכט אויפ׳ן בוים מער ווי סיי וואס.

## גן עדן איז געווען א פרוכט־גארטן

דערפאר, ווען אדם און חוה זענען געקומען אויף דער וועלט, זענען זיי ארייננגעשטעלט געווארן

אין א גארטן פון פרוכטביימער, און ווען השי״ת ברענגט ארויס אין דער תורה איבער די הערליכע גארטן, איז עס די איין זאך וואס מען זאגט אונז, אז ס׳איז געווען פול מיט פרוכט ביימער. ביימער איז דער זאך וואס שטארצן ארויס פון דער גארטן.

איך גלייב אז עס זענען אויך געווען ווייץ אין דער גארטן. איך בין זיכער אז עס איז געוואקסן דארט אויך רייז. ס׳זענען געווען דארט כל מיני ירקות. איך בין זיכער אז אויך צוויבל און קנאבל... ס׳איז א וויכטיגער באשטאנדטייל אין לעבן, און דאך ווערט קיין איינע פון די זאכן נישט דערמאנט אין דער תורה. נאר איין זאך ווערט דערמאנט און איבערדערמאנט אויף אן אנזעבארן אופן - די פרוכט־ביימער.

מיר זענען געווען קינדער ווען מיר האבן געלערנט די מעשה צום ערשטן מאל און מיר האבן נאך דעם זעלבן געדאנקנגאנג ווי אלס קליין קינד, אבער היינט אז מיר זענען שוין ערוואקסענע זאלן מיר זיך משתדל זיין ארייננצוקלערן אין די מעשה. ס׳איז דא עפעס טיפערס דא. השי״ת האט געגעבן פאר אדם און חוה גארנישט, נאר א גארטן פון פרוכט־ביימער? אויב דאס איז ווי אזוי די מעשה בראשית האט זיך אנגעהויבן, מיינט דאס אז אזוי האט עס געדארפט צו זיין. פון אלע מתנות וואס דער אויבערשטער וואלט ווען געקענט געבן פאר דעם ערשטן מענטש האט ער געגעבן די מתנה פון א פרוכט־גארטן.

## א מתנה פאר צדיקים

צו אונז זעט עס אויס ווי אומפארשטענדליך. שטעל דיך פאר אז דו ווילסט געבן א מתנה פאר׳ן צדיק הדור, צי דער גרויסער ראש ישיבה, אדער איינער זיינס גלייכן. וואלסטו געקלערט אים צו געבן א גארטן פון מטעמים און אלע מיני ביימער? דו וואלסט עס נישט געטון. דו וואלסט אים געגעבן אן אוצר פון אלע מיני ספרים. דאס וואלט געווען א גארטן פון מטעמים פאר אים. ער קומט אריין אין זעט פאליצעס אויף פאליצעס אויפגעשטעלט מיט ספרים, ש״ס, מפרשים אויף תנ״ך, אלע ראשונים, אלע אחרונים. דאס איז זיין גרעסטער תענוג.

רבי עקיבא אייגער ז״ל, לאמיר זאגן, ווי אזוי וואלסטו אים באערט? וואלסטו אים געגעבן א גארטן פון פרוכט ביימער? ס׳איז בכלל נישט אינטערעסאנט פאר אים. אויב דו וואלסט אים געמאכט אן אוצר הספרים, וואלסטו אים געקענט פארשאפן א גרויסע שמחה. פאר אים איז אראפנעמען א ספר פון פאליצע די געשמאקסטע פרוכט. ער עפנט אויף דעם ספר און ווערט נתפעל פון דעם חידוש! ״אה, אזוי זאגט ער? איך פלעג אלס טראכטן אז אזוי איז פשט, ברוך שכוונתי!״. דאס וואלט געווען זיין גרעסטע שמחה. דאס איז אן אמת׳ע גארטן פון מטעמים!

## תענוג פון ישיבה בחורים

נישט נאר רבי עקיבא אייגער, נאר אפילו ישיבה בחורים טרעפן זייער תענוג אין די ספרים. ווען דער קצות החושן איז ארויסגעקומען, האט דאס געפאנגען די פאנטאזיע פון פיל מענטשן. מען האט אנגעהויבן צו לערנען דעם גאנצן קצות החושן. איך האב געקענט אן אלטן בחור אין סלאבאדקע וואס האט געקענט דעם גאנצן ספר אויף אויסנווייניג.

אין טעלזער ישיבה פלעגט מען ארויסגיין אינדרויסן פון שטעטל רעדנדיג אין לערנען. בין

הסדרים און פרייטאג נאכמיטאג פלעגט מען שפאצירן איבער די פעלדער שמועסנדיג אין לערנען. מען פלעגט זיך ווערטלען אז די פעלדער ארום דעם שטעטל פון טעלז האט א ריח פונעם קצות. ס׳האט געשמעקט פונעם קצות פון אלע זייטן, אן אנגענעמער גערוך. אזוי שטארק האבן זיי ליב געהאט דעם קצות החושן!

און נישט נאר דער קצות החושן, נאר סיי וועלכער ספר וואס איז נארוואס ארויסגעקומען, צי ס׳זאל זיין דער אבני מלואים, שב שמעתתא, איז יעדער באגייסטערט געווארן פון די ספרים. ס׳איז ווי א גארטן פון נייע פירות וואס מען האט נארוואס ערפינדן און מענטשן האבן זיך צוגעכאפט דערצו ביז׳ן סוף... ס׳איז געווען א געוואלדיגע שמחה צו לערנען די ספרים. איך דערמאן מיך, פאר זיבעציג יאר צוריק פלעג איך זען צוויי ישיבה בחורים זיצן און לערנען יעדן טאג ביי מיטאג, פארטיפט אין די ספרים, און זיי האבן הנאה געהאט עד אין סוף. פארשטייט זיך אז מען דארף אויסרייבן דעם טעם. ס׳איז אן אויסגעארבעטער געשמאק, אבער זיי האבן געהאט דעם חשק עס צו טון און זיי האבן באמת הנאה געהאט. איינמאל דו פארשטייסט וואס א גוטער טעם איז קענסטו זיך נישט אפטשעפען דערפון.

## דער מענטש מיט דער געוואלדיגער חכמה

דו מוזסט פארשטיין אז אדם הראשון איז געווען מסוגל צו אסאך מער ווי לערנען דעם קצות החושן. ווען ער איז באשאפן געווארן, איז ער געווען א שיינענדיגער באשעפעניש, יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, א הערליכער מענטש מיט א שיינער כאראקטער. ער האט געשיינט מיט חכמה מסוף העולם עד סופו. דאס מיינט אז ער האט געהאט געוואלדיגע אינטעלעקטועלע פעאיגקייטן. ער איז געווען אן עילוי. ער האט געהאט א געוואלדיגן שארפן מח און ער וואלט ווען הנאה געהאט פון ספרים מער ווי רבי עקיבא אייגער ז״ל. פארשטייט זיך אז עס וואלט נישט געווען קיין נייעס ביי אים. ער וואלט געעפנט דעם ספר, זאגנדיג, ״דאס איז זייער שיין. איך בין אזוי פרייליך אז מיינע אייניקלעך פארשטייען עפעס ריכטיג, צומאל נישט ריכטיג...״ ס׳וואלט אים געווען אינטערעסאנט דאס צו זען.

און דער אייזערנער מח, די געוואלדיגע פערזענליכקייט האט באקומען א מתנה, וואס? א גארטן פון פרוכט־ביימער! דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך. פאר אונז איז עס אומפארשטענדליך. וואס איז דער ציל אים צו געבן א פרוכט־גארטן? איז דאס דער וועג צו מאכן פרייליך אן איש המעלה? צו מאכן א מענטש מיט געוואלדיגער חכמה, מצליח זיין אין לעבן?

און דער ענטפער איז א הילכיגער יא! גן עדן איז געמאכט געווארן אונז צו לערנען ווי אזוי מצליח צו זיין אין אונזער וויכטיגער פונקציע אויף דער וועלט. **וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - דער אויבערשטער האט געמאכט דעם מענטש ער זאל מורא האבן פון אים (קהלת ג, יד). דאס איז אונזער גרעסטער סוקסעס אין לעבן, צו וויסן פונעם אויבערשטן, און אין אנפאנג פון וועלט באשאף איז די מענטשהייט אריינגעשטעלט געווארן אין גן עדן, ווייל דאס איז וואס השי״ת האט מחליט געווען אז עס וועט זיין די בעסטע געלעגנהייט פאר דער קארעריע. א גארטן פון פירות איז די פלאץ צו ווערן א מומחה אין אנערקענען דעם באשעפער.

# חלק ב׳ - פארשטיין די פרי

## דאס זען ברענגט צו אמונת ה׳

צו אונז קען עס אויסזען נישט שטייגערליך. מיר וואלטן געמיינט אז ס׳איז גשמיות, מאטעריאליסטיש. ווי אזוי קען א גארטן פון מטעמים זיין א פלאץ פון עבודת השם?

אבער פאר׳ן מענטש ווי אדם, א מענטש מיט א געוואלדיגן מח ווי ער האט געהאט, איז א פרוכט־גארטן א לייטער צו דערגרייכן השי״ת. דער חסד השם וואס איז דעמאנסטרירט געווארן אין גן עדן איז פאר אדם און חוה א געלעגנהייט צו ענדלאזע דערגרייכונגען. זיי האבן צוזאמען שפאצירט אין גן עדן און האבן שטודירט די ביימער און די פרוכט ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער ציל דערפון איז זיי צו געבן פארשטאנד.

**וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל -** און דער בוים איז גלוסטיג אנצוקוקן (בראשית ג, ו).יעדעס מאל וואס זיי האבן געזען נאך א סארט פרוכט זענען זיי געווארן איבערראשט פונדאסניי. זיי האבן דאס באטראכט און גערעדט דערפון מיט פרטי פרטים אויסרופנדיג, ״הו הא! דאס איז דער וואונדער פון באשעפער!״ כ׳בין זיכער אז ווען אדם האט באטראכט דאס עפל, האט ער געזען פילפאכיג מער חידושים וואס מיר זעען אין דעם קצות החושן.

## עסן ברענגט צו אמונה בה׳

און נישט נאר דורך קוקן דערויף, איך בין זיכער אז ער האט דאס אויך פארזוכט. ווען אדם האט גענומען א פרי און עס געגעסן איז ער געווארן נאכמער קלוג. דאס איז א סוד וואס איך בעט מחילה, נישט יעדער וועט וויסן אפצושאצן... השי״ת האט געוואלט אז אדם זאל עסן פון די פירות און אויסרופן, ״איך האב דיך ליב, השי״ת.״ דאס איז דער גאנצער ציל פון די פירות! די שיינקייט און זיסקייט פון די פירות איז קאמבינירט געווארן פאר דעם איין ציל צו געבן צו פארשטיין פאר אדם און חוה די שפיץ און הויכפונקט פון ידיעת השם.

זיי האבן ערפילט דעם ציל פאר׳ן וועלט באשאף. זיי זענען געווארן מער און מער באוואוסטזיניג אז ס׳איז דא א באשעפער און דאס האבן זיי דערגרייכט דורך די פרוכט!

אדם און חוה האבן אריינגעקלערט אינעם חסד פון דער בורא און זיי האבן געזינגען שירה. זיי האבן געזונגען ניגונים צו השי״ת. היינט, ווען מיר מאכן א ברכה אויף אן עפל, איז עס זייער א קליינע ווידער־קול וואס אדם און חוה האבן געטון אין גן עדן. ווען זיי האבן געדאנקט השי״ת פאר די פירות, איז עס נישט געווען א ברכה, נאר ס׳איז געווען א הערליכער פזמון פון הכרת הטוב צו השי״ת.

## גרייט צום עסן

און ס׳איז דא אזויפיל פון וואס צו זינגען. איינמאל א מענטש לערנט זיך ווי אזוי צו עסן א פרוכט, איינמאל ער לערנט די סוגיא פון פירות, איז נישט דא קיין סוף פון דער גרויסקייט פון השי״ת וואס ער וועט דארט זען. ווייל פון אלע אויסשטעלונגען וואס השי״ת באווייזט אונז אויף דער וועלט איז דער פרוכט איינע פון די גרעסטע דעמאנסטראציעס פון חסד און חכמה פון השי״ת.

די פרוכט פוןביימער איז אייגנארטיג אין נאטור וואס עס לוינט אונז צו פארעכענען ווי די מערסטע אנגעזעענע פענאמען. קודם כל, זיי זענען גרייט צו עסן אן קיין צוגרייטונגען, אן אויסערגעווענליכע זאך! זיי ווערן אינגאנצן אפגעקאכט אויף דער בוים. מיר זענען שוין צוגעוואוינט דערצו, דערפאר היפן מיר איבער די דעמאנסטראציע וואס דער אויבערשטער האט פארזיכטיג אויסגעפלאנט. מיר לייגן נישט צו קאפ צו דעם אויסערגעווענליכן פאקט. קוק וואס עס שטייט דארט, **וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה** - און די פרוי האט געזען **כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל** - אז די פירות זענען גוט צום עסן. דאס מיינט אז ס׳איז גרייט צום עסן. מיר וואלטן עס נישט באמערקט, אבער חוה האט יא.

ווי אזוי קען זיין אז זאכן זאל זיין גרייט צום עסן פון זיך אליין? א כעמיקאלישע קאלעקציע פון קארבאן־דיאקסייד און וואסער, סטארטשעס, וואס ס׳זאל זיין, דאס זענען די זאכן וואס געשעט דורך דער פראצעדור פון נאטור. ס׳וואלט זיך ווען אויסגעפעלט זיי אויסצומישן אדער כאטש צוגרייטן און קאכן. עפעס דארף דא געטון ווערן! אבער גארנישט, אויפ׳ן בוים וואקסן די פרוכט. זיי ווערן רייף און זענען גרייט פאר דיר צו עסן ווען די נעמסט עס אראפ פון בוים. און נישט נאר וואס ס׳איז גרייט צו עסן, נאר ס׳איז פינקטליך צוגעפאסט פאר׳ן מענטשליכן געשמאק. ס׳איז דא אביסל זויערשטאף, נישט צופיל, און אביסל צוקער, נישט צופיל. ס׳איז פינקטליך צוגעשטעלט פאר די מענטשן זיך צו דערקוויקן, ס׳איז זויערליך און זיס!

## דוקא ווען עס ווערט רייף

כוועל דיר זאגן אביסל מער. וואונדער איבער וואונדער, איידער דאס עפל איז גרייט צום עסן איז עס כמעט אומזעבאר. ווען ס׳איז נאכנישט רייף, איז עס גרין און עס באהאלט זיך צווישן די בלעטער אז דו זאלסט עס נישט טרעפן. ווייל אויב יא, קען אפשר זיין אז דו וואלסט עס אראפגענומען פון בוים פאר דער צייט און וואלסט אריינגעביסן דערין און געווארן אנטוישט. ס׳וואלט געווען הארט און זויער און וואלט דיר געגעבן בויך־ווייטאג. אבער ווען די פרוכט ווערט רייף, טוישט זיך עס צו א רייצנדע קאליר, א שיינענדיגע רויט, א הערליכע געל, ווענדט זיך אין דער פרוכט, און עס פראקלאמירט איר אנוועזנהייט.

נאך א געוואלדיגער חידוש. פאר חדשים לאנג זענען די עפל אדער מאראנצן געווען פעסט באהאפטן צום צווייג אז דו האסט געקענט שאקלען די צווייגן און זיי זאלן זיך נישט אפטיילן, אבער ווי נאר דער פרי ווערט רייף, ווערט זי לויז און פאלט אראפ פון זיך אליין.

## פרוכט מאשין

און דערנאך, ווען דו עפנסט עס אויף און דו עסט איר אינהאלט, דארפסטו אויסשפייען די קערעלעך, און דאס איז א קופאן (coupon) פאר נאך א פרוכט. אויב דאס פאלט אויף דער ערד און ס׳ווארצלט זיך איין, וועסטו דאס קומענדיגע יאר האבן א פרוכט־בוים דארט וואו דו האסט אויסגעשפיגן דאס קערל. ס׳איז א נס פון אויסערגעווענליכער פראפארציע.

דא האסטו עפעס וואס פרודוצירט עסן אן קיין באזונדערע מאשינעריי. ס׳איז א מאשינעריי, נאר ס׳איז קליין און מייקראסקאפיש אז דו כאפסט נישט וואס עס טוט זיך דארט אפ. ס׳איז דא א וואונדערליכע מאשינעריי פארזיגלט אין די צעלן וואס קיינער האט נישט געמאכט, נאר דער באשעפער.

קענסטו מאכן אן עפל? וועט "דופאנט" (DoPont) איינמאל מצליח זיין צו מאכן אן עפל? קיינמאל! אפילו נישט אין א מיליאן יארן. ס'איז א וואנדערליכע יצירה פול מיט חכמה, פינקטליך אויסגעפלאנט. ס'איז דא אזויפיל וויסנשאפט אין דעם וואס מען דארף וויסן צו מאכן א פרוכט אז זיי וועלן קיינמאל נישט קענען נאכמאכן די מאשינערייע נישט קיין חילוק וויפיל זיי וועלן נאר פרובירן.

## אלטס די זעלבע מין

די קערל איז א מאשין וואס פראדוצירט פינקטליך לויט'ן פראטאטיפ. וועסט קיינמאל נישט זען א עפל־בוים זאל ארויסגעבן פערישקעס, קיינמאל נישט! קיינער האט עס נאך קיינמאל נישט באריכטעט. איז דאס נישט קיין וואונדערליכע זאך? ס'זענען דא עפל ארום דער גאנצער וועלט און עס האט זיך נאך קיינמאל נישט געטראפן, אפילו איינמאל, אז עס זאל וואקסן פערישקעס אויף אן עפל־בוים. ס'דא וויסנשאפטלער וועלכע פרובירן איינצורעדן אז דורך א פלוצלינגע מוטאציע קענען נייע באשעפענישן שפראצן, אבער עס איז נאך קיינמאל נישט באריכטעט געווארן פון דרום־אמעריקע אדער כינע אדער אלאסקע אז אן עפל־בוים האט פרודוצירט עפעס אנדערש אויסער עפל. און אויב ס'איז א "קארטלאנד", דעמאלטס וועט זיין קארטלאנד עפל, און אויב ס'איז א "רעד דעלישעס", וועט זיין רעד דעלישעס עפל. ס'איז א חידוש!

מיין נישט אז ס'איז א גרינגער עסק. נאר ווייל דו ביזט צוגעוואוינט דערצו פון ווען דו ביזט געווען א קליין קינד און דו האסט קיינמאל נישט אריינגעקלערט דערין, איז דיין מח געווארן ראסטיג. ס'איז א גרויסער שאד. מיר האבן דאס אזוי לאנג איגנארירט, ביז מיר זענען שוין געווארן צוגעוואוינט דערצו און מיר האבן פארלוירן די שעצונג דערצו. עס איז כדי אז מיר זאלן זיך נאכאמאל באנייען און זיך ארייננטון אין דעם פאקט אז ווען מען פלאנצט איין אן עפל קערל, וואקסט נישט קיין קארטאפל.

## דער טעם און קאליר

און נישט נאר וועט דער מאשין פראדוצירן די ריכטיגע פרוכט, נאר אויך דער ריכטיגער טעם און קאליר. די עקספערטן און כעמיסטן מוטשען זיך צו מאכן טעמים. דאס איז זייער א שווערע עבודה. פרוביר דו אליין צו מאכן א טעם פון אביסל וואסער און זאמד. דו וועסט נישט אנקומען זייער ווייט, און דא האסטו גארנישט, נאר אביסל זאמד, לופט, זון שטראלן, און ס'קומט ארויס פארשידענע טעמים.

אויך די הערליכע קאלירן פון די פרוכטן איז אן אייגנארטיגער נס פאר זיך, און נישט איין נס, נאר א געוואלד מיט ניסים. ווען דו קוקסט אויף אן עפל, קענסטו ממש אויסגיין פון גרויס איבערראשונג און שמחה אויף דער הערליכער מתנה. ווער וועט נאך טראכטן פון עס אויפעסן? ח"ו, ס'איז אזוי הערליך. ס'איז א שאד עס צו דארפן אויפעסן...

## פרוכט זאפט

און צוגאב צו די אלע וואונדערליכע זאכן איז עס פול מיט זאפט. ס'דא אזויפיל פליסיגקייט אז אן עפל איז כמעט א גלאז טרינקען, נאר די זאפט איז פארזיכטיג באהאלטן צווישן די צעלן. פרוביר אויפצושניידן א באטל דשוס, די פליסיגקייט וועט זיך צעשפרייטן אין אלע זייטן. יעצט

שנייד אויף אן עפל, גארנישט גיסט זיך נישט אויס, אפשר איינצעלנע טראפן. לייג אריין דעם עפל אין א "דשוסער" און דו וועסט האבן ריינע זאפט, און דאס איז נישט סתם א זיסע פליסיגקייט, נאר פול מיט נערונג און וויטאמינען.

און ס'איז א חידוש צו באמערקן אז די פרוכט איז איינגעוויקלט אין א האלטער, א גלאנציגער איינפאק. ס'איז נישט צו דיק פאר אונזערע ציינער דורכצושניידן און אויך נישט צו דין אז סזאל קענען האלטן די פרי, און גענוג שטארק צו האלטן פאר א לאנגע צייט במשך די חדשים וואס די פרי הענגט אויפ'ן בוים. אויב דאס שאלאכץ ווערט נישט געטשעפעט, קען זיך די פרי האלטן פאר א לאנגער צייט, אויך נאכ'ן ווערן אראפגענומען פון בוים.

כ'ווייס אז מען טראכט נישט אזוי, ווייל מיר זענען א לאנגער וועג ווייט פון אדם הראשון וועלכער האט נישט גענאשט עפל אזוי ווי אונז. ער האט באטראכט דאס עפל פאר א לאנגער צייט, און ווי מער ער האט געקוקט, אלץ מער איז ער באגייסטערט געווארן און געשטיגן אלץ העכער און העכער צו ווערן נאנט צו השי"ת. אדם האט געוואוסט אז דער וועלט איז געמאכט צו הנאה האבן פון תענוגים וואס ברענגט צו קרבת אלקים.

## חלק ג' - הנאה האבן פון די פירות

### די שפאציר פון די צדיקים

אין מסכת ברכות (מד, א) פארציילט די גמרא פון א שפאציר פון די חכמי התורה וואס זיי פלעגן נעמען פון צייט צו צייט, צווישן די ביימער פון גינוסר וואס איז א געגנט נעבן דעם כנרת. די פירות פון יענעם געגנט זענען געווען באוואוסט פאר זייער ספעציעלער קוואליטעט. זיי זענען פאררעכנט געווען פאר דעליקאטעסן וואס וואקסן אויף ביימער. רבי יוחנן האט געהאט א מנהג ארויסצוגיין מיט זיינע תלמידים צו פארזוכן פון די אויסטערלישע פירות.

מיר דארפן גלייך פארשטיין אז רבי יוחנן מיט זיינע תלמידים האבן נישט געדארפט קיין אויספלוגן און אונטערהאלטונגען. זיי האבן נישט געדארפט קיין חול המועד פארברענג. זיי זענען געווען צדיקים, זקינים, תלמידי חכמים וואס האבן געווידמעט אלע זייער לעבנס־טעג אויף צו לערנען תורה. זיי האבן נישט פארשווענדעט קיין צייט. זייערע מוחות זענען כסדר געווען פארנומען מיט פילפולים און סתרי תורה. און דאך זענען זיי ארויס צו דער גארטן און דארט פארברענגט עסנדיג די געשמאקע פירות.

רבי אבהו, דער תלמיד פון רבי יוחנן, פלעגט עסן אזויפיל פרוכט אז א פליג פלעגט זיך אראפגליטשן פון זיין שטערן. מען דארף פארשטיין אז א פליג גליטשט זיך נישט סתם אראפ. ס'קען גיין פארקערט אויף א דאך אן זיך אראפגליטשן. אבער רבי אבהו'ס שטערן איז געווען אזוי געשוואלן פונעם אויל און זאפט פון די פירות, אז אפילו א פליג האט נישט געקענט האלטן זיין גלייכגעוויכט...

ס'איז א גוזמא, אבער עס ווייזט ווי סאך ער האט געדארפט עסן. רב אמי און רב אסי זענען אויך געווען תלמידים פון רבי יוחנן. די גמרא זאגט אז זיי פלעגן עסן **עד דנתור מזייהו** - ביז זייער האר איז ארויסגעפאלן. זיי האבן געגעסן אזוי פול אז עס האט גורם געווען צו אן אומפארדייאונג

אין זייער מאגן וואס האט צוגעברענגט אז זייער האר זאל ארויספאלן!

ס׳איז א חידוש! מרעדט דא פון די גדולי הדור וואס האבן פארברענגט זייערע טעג און נעכט אויף צו לערנען תורה. און מיר זעען ווי זיי זענען ארויסגעגאנגען עסן פירות, און זיי האבן געגעסן דאס מערסטע וואס זיי האבן נאר געקענט.

## עסן צו ווערן נענטער צו השי״ת

פאר אונז זעט עס אויס אינטערעסאנט. שטעל דיך פאר אז דער ראש הכולל רופט אויס, ״היינט וועט מען ארויסגיין פון כולל צו באזוכן די פרוכט־געשעפט צו קויפן פרוכט, און מיר וועלן זיך אוועקזעצן אויף אוישען־פארקוועי זיי אויצופעסן.״ גאנץ מעגליך אז ער וועט זאפארט פארלירן זיין פאסטן...

מען דארף פארשטיין אז דאס איז פונקט וואס די תלמידים פון רבי יוחנן האבן געטון. זיי האבן געגעסן. אבער דאס האבן זיי געטון נאר צו קענען בעסער אנערקענען אינעם אויבערשטן, קונה זיין א בעסערע אהבת השם. ווען נישט איז די גאנצע מעשה ווערטלאז. גרויסע לייט זאלן זיך אנשטאפן מיט עסן?! יא, זיי האבן זיך אנגעשטאפט מיט קרבת ה׳.

און אויב דאס איז די סיבה דערצו, האבן זיי עס געטון מיטן גאנצן הארץ. ווייל ס׳איז נישט גענוג נאר צו זען די הערליכקייט פון די פירות, נאר מען דארף זיי אויך פארזוכן. דערפאר זענען זיי געווען פארנומען צו עסן פון די פירות, און בשעת׳ן עסן זענען זיי געווארן נענטער און נענטער צו הקדוש ברוך הוא.

דערפאר, ווען משה רבינו האט ארויסגעשיקט די מרגלים קיין ארץ כנען, האט ער זיי אנגעזאגט אז חוץ דער אינפארמאציע וואס זיי דארפן קלייבן זאלן זיי אויך צוריקברענגען פרוכט צו ווייזן פאר די אידן פארוואס זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל. די ריזיגע שטרענגלעך שטרויבן וועלכע זענען אראפגעהאנגען פון די שטאנגען איז געווען אן אויפוואכונג אז דאס איז די סיבה פארוואס זיי זאלן שטרעבן מיט גאנצן הארץ אריינצוקומען צו דעם לאנד. די גרויסע טרויבן איז געמאכט געווארן איינצומעלדן די אידן וואס עס ווארט זיי אפ, א לעבן פון הנאה צו ווידמען פאר דעת השם. דאס איז געווען דער ציל אריינצוקומען צו דעם לאנד, הנאה צו האבן פון די אויסטערלישע פירות, און אין דער זעלבער צייט מער און מער אנערקענען דעם אויבערשטן. און דאס איז פינקטליך וואס זיי האבן געטון ווען זיי זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל. **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ** – און דו וועסט עסן און זאט ווערן, און וואס וועט זיין די רעזולטאט? **וּבֵרַכְתָּ אֶת־ה׳ אֱלֹקֶיךָ**.

דאס איז דער געוואלדיגער לימוד פון **וְזֶה־פִּרְיָהּ** – און דאס זענען אירע פירות (יג, כז). די הערליכע און געשמאקע פירות וואס די מרגלים האבן צוריקגעברענגט פאר די אידן איז געמאכט געווארן צו ווייזן פאר די אידן אויף וואס זיי קומען אריין קיין ארץ ישראל, פאר דער זעלבער סיבה פארוואס אדם און חוה זענען אריינגעברענגט געווארן אין גן עדן, און דאס איז אויך די סיבה פארוואס מיר זענען אראפגעשיקט געווארן אויף דער וועלט, ווייל די קארעריע פון ״עסן צו שטייגן״ איז וואס השי״ת וויל פון אונז דא אין גן עדן התחתון.

# שאלות ותשובות מיט ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## שאלה:
## זאל איך קויפן א דירה אין ארץ ישראל?

## תשובה:
דער ענטפער איז אז  זאלסט קויפן א דירה דארט וואו דו וועסט דיך קענען ערנערן. צו פארן קיין ארץ ישראל און ווערן א שנארער איז נישט ווערד. ניין, ס׳לוינט זיך נישט. דו מוזט האבן פרנסה. דעראיבער, סיי אויב די קויפסט אדער דו דינגסט א דירה, מאך זיכער אז דארט איז א געגנט וואו די קענסט האבן פרנסה.

זאלסט אלעמאל מאכן זיכער צו טרעפן א פרומע געגנט, ס׳איז זייער וויכטיג, א סביבה איז אלעס. נישט נאר פאר דיינע קינדער נאר פאר דיך זעלבסט אויך. מענטשן וואס וואוינען אין שכינות פון א ישיבה זענען גאר אנדערש וואו מענטשן וואס וואוינען אין אנדערע פלעצער. דו זעסט פאר די אויגן ארויסגעשטעקטע ציצית. אלע גייען מיט שווארצע היטן. שבת איז גאר עפעס אן אנדער שבת. ס׳איז גאר אן אנדערן לעבן.

עס איז זייער וויכטיג צו וואוינען אין א פרומע סביבה, עס איז טאקע מעגליך אז עס קען אויסקומען צומאל טייערער דארט צו וואוינען, ס׳איז אבער ווערד דאס געלט. איך קען דאס נישט גענוג באטאנען. א פרומער געגנט איז קריטיש וויכטיג!


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**